# משיחת י״ט כסלו תשל״ו

ו. כ׳האב דאך דערמאנט פריער וואס דער אלטער רבי שרייבט אין דעם
סיום פון תניא - וואס בני החבר האבן דאס ארייגעשטעלט אין דעם חלק
רביעי פון תניא, אין אגה"ק, ובסופו - אין קונטרס אחרון, און ווי דאס
איז געדרוקט איצטער, איז דאס איז דעם סיום פון תניא (ובפרט לויט די
חלוקה וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט מחלק געווען דעם תניא לימי השנה, איז
מען דאך מסיים דעם תניא צו י"ט כסלו) - בנוגע צו מחלק זיין דעם ש"ס
בכל שנה, בכל ביהכנ"ס וכו׳, כמבואר שם פרטי הדבר, וואס דערפאר איז מען
דאך רגיל צו מאכן בי"ט כסלו א סיום (אדער א התחלה, אדער ביידע זאכן)
אויף א מסכת פון ש"ס.

וויבאלד אז מ׳האט פריער מדגיש געווען אז דער אלטער רבי איז

- מדגיש -

הנחה הת׳ בלתי מוגה

מדגיש אין די אגה"ק וואס איז געווען בקשר צו י"ט כסלו, דעם פסוק "פדה בשלום", און אז "יצאתי לשלום ואסיים בשלום מה' שלום", ד.ה. אז ער איז אלץ מדגיש דעם ענין פון "שלום" – דערפאר האט מען דאך אויך אראפגעבראכט דעם סיום פון גאנץ ששה סדרי משנה: "אמר ר"ש בן חלפתא לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום" (סוף עוקצין).

און וויבאלד אז דא שטייט "כלי מחזיק ברכה" (סתם), איז מובן אז דאס איז כולל סיי ברכות פון עוה"ז, סיי ברכות פון עוה"ב – וואס דאס איז דער קשר מיט דעם סיום הגברא שבש"ס, דער סיום פון מס' נדה: "כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עוה"ב שנאמר הליכות עולם לו א"ה הליכות אלא הלכות", וואס דאס איז דאך א ברכה בנוגע צו עוה"ב [וואס אין עוה"ב איז ניט שייך צו זאגן דעם ענין פון שלום, ווארום דארטן איז דאך ניט שייך דער ענין המלחמה, און מ'דארף דאס ניט שולל זיין דורך מדגיש זיין דעם ענין השלום – נאר דארטן איז דער ענין וואס "הליכות עולם לו כו'"].

וואס דאס איז אויך פארבונדן מיטן סיום פון די ערשטע מס' אין ש"ס, וואס דאס איז מס' ברכות

- [וואס בנוגע צו דעם סדר פון די ששה סדרים, איז דא דער סימן פון "זמן נקט" (ווי ער זאגט אין הקו"ז (בהקדמה ה, א)), וואס דאס איז דער סדר ווי ס'איז ביי אונז, אז ס'הויבט זיך אן מיט זרעים, און ס'ענדיקט זיך מיט טהרות; און ס'איז דא דער סימן פון "נזם קטן" (במדב"ר פי"ג, טו-טז בסופו), אז ס'הויבט זיך אן מיט נשים, און ס'ענדיקט זיך מיט נזיקין.

אבער עס ווייזט אויס אז לויט ביידע סדרים איז די ערשטע מס' פון די ששה סדרים איז מס' ברכות, כמובן פון דעם ביאור פון ריא"ז (בפסקיו ריש ברכות) אז די ערשטע מס' איז ברכות, דערפאר וואס "ראשית חכמה יראת ה'" (תהלים קיא, י) – ד.ה. אז די ראשית פון השבע"פ, וואס דאס איז דאך דער עיקר ענין החכמה, איז דאס יראת ה' – די מס' וואס רעדט וועגן ק"ש ותפלה, וואס דאס זיינען ענינים פון יראת ה'.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז סיי לויט דעם סדר פון "זמן נקט", און סיי לויט דעם סדר פון "נזם קטן" – איז אבער די ערשטע מס', ראשית חכמה – מס' ברכות, יראה ה' (ראה לקו"ש חי"א ע' 56 בשוה"ג להע' 13)].

וואס דער סיום פון די מס' וואס זי איז די פתיחה און דער ראשית פון אלע ששה סדרים, איז אויך פארבונדן מיט דעם ענין פון שלום: "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם", און אויף דערויף ברענגט מען אראפ כו"כ פסוקים.

וואס לכאו' איז ניט מובן דער קשר פון "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם" (וואס דא ווערט דאך דערמאנט דער ענין פון תורה בגלוי), מיט דעם סיום פון ששה סדרי משנה "לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום" – דא ווערט דאך ניט דערמאנט דער ענין פון תורה בגלוי (דאס איז נאר מרומז אין דעם וואס מ'ברענגט אויך דעם חצי פסוק הראשון "ה' עוז לעמו יתן", וואס "אין עוז אלא תורה")?

איז דאס פארשטאנדיק לויט דעם סיום פון רמב"ם אין הל' חנוכה, וואס ער ברענגט אראפ מאמר הספרי "כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם שנאמר דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום" – וואס דאס איז מחבר דעם סיום פון מס' ברכות "תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם", מיט דעם סיום פון ששה סדרי משנה "לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום" – ווארום וויבאלד אז ס'דארף זיין דער "כלי מחזיק ברכה לישראל" וואס דאס איז דער ענין השלום – איז דאס איז די כוונה פון תורה וואס "התורה ניתנה לעשות שלום בעולם".

- אנטקעגן -

אנטקעגן וואס ברענגט דער רמב"ם דעם ענין פון "התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" - פריער זאגט דער רמב"ם "הי' לפניו נר ביתו ונר חנוכה או נר ביתו וקידוש היום נר ביתו קודם משום שלום ביתו שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", ובהמשך לזה, כדי צו ארויסברענגען נאכמער די מעלה פון שלום, איז דער רמב"ם ממשיך "גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם שנאמר דרכי' דרכי נועם וכל נתיבותי' שלום".

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק:

א) דער סדר וואו דער רמב"ם שטעלט אריין די הלכות, איז דאך אויך בדיוק, איז וויבאלד אז דער רמב"ם וויל זאגן דעם דין אז "נר ביתו ונר חנוכה . . נר ביתו קודם משום שלום ביתו" - האט ער דאס לכאו' געדארפט אריינשטעלן אין הל' שבת, וויבאלד אז דא רעדט מען וועגן די מעלה פון נר שבת לגבי נר חנוכה?

ב) דער רמב"ם ברענגט דא א דין וואס האט אינגאנצן ניט קיין שייכות צו הל' חנוכה - "נר ביתו וקידוש היום נר ביתו קודם", וואס דאס איז דאך א דין אין הל' שבת, אז נר שבת איז קודם קידוש היום, און דאס האט קיין שייכות ניט צו הל' חנוכה, איז דאך ניט פארשטאנדיק פארוואס האט דאס דער רמב"ם אריינגעשטעלט אין הל' חנוכה?

ווען ביידע דינים הנ"ל וואלטן געשטאנען אין הל' שבת, וואלט דאס געווען פארשטאנדיק בפשטות: ס'שטייט דער דין פון נר ביתו ונר חנוכה, וואס דאס באווייזט דעם תוקף און דעם עילוי וואס איז דא אין נרות שבת, אז אע"פ וואס אין חנוכה איז דא דער ענין פון פרסומי ניסא, אעפ"כ איז נר ביתו קודם משום שלום ביתו, וואס אין דערויף זעט מען דעם עילוי פון נר שבת; און ס'איז אויך פארשטאנדיק פארוואס ס'שטייט דער דין פון נר ביתו וקידוש היום, ווארום דאס איז נוגע אין הל' שבת -

איז דאך ניט פארשטאנדיק פארוואס האט דער רמב"ם אריינגעשטעלט דעם דין פון נר ביתו ונר חנוכה אין הל' חנוכה (ניט אין הל' שבת) - וואס צוליב דערויף האט ער בכלל געדארפט אריינשטעלן אויך דעם דין פון נר ביתו וקידוש היום, וואס דאס האט אינגאנצן ניט קיין שייכות צו הל' חנוכה?

ג) צוליב וואס דארף דער רמב"ם ברענגען א ראי' אז נר ביתו קודם משום שלום ביתו - "שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", אין גמ' (שבת כג, ב) שטייט דאך "נר ביתו ונר חנוכה נר ביתו עדיף משום שלום ביתו", און די גמ' ברענגט ניט קיין ראי' אויף דערויף. איז צוליב וואס דארף דער רמב"ם ברענגען א ראי'?

ד) די ראי' וואס דער רמב"ם ברענגט אויף דערויף איז "שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", וואס דאס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: אומעטום וואו ס'ברענגט זיך דער ענין פון "לעשות שלום בין איש לאשתו" (אין גמ' און אין מדרשים) איז דאס בנוגע צו דעם ענין פון סוטה, וואס דאס איז נוגע צו קיום חיי משפחה, ווארום אויב ניט, דארפן זיי זיך גט'ן:

עד"ז ברענגט זיך אראפ דער ענין פון לעשות שלום בין איש לאשתו, בנוגע צו אן ענין של סכנה, ווי די גמ' (סוכה נג, א ואילך. סוטה יא, א) דערציילט אז "בשעה שכרה דוד שיתין קפא תהומא ובעא למשטפא עלמא אמר דוד מי איכא דידע אי שרי למכתב שם אחספא ונשדיי' בתהומא ומנח" (וואס די שאלה איז געווען צי מ'מעג אריינווארפן א שם אין תהום, אע"פ אז דער שם וועט נמחק ווערן, כדי ער זאל ניט פארפלייצן די גאנצע וועלט), האט אים אחיתופל געזאגט "ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים, לעשות שלום לכל העולם כולו על אחת כמה וכמה".

- איז -

איז דאך אינגאנצן ניט פארשטאנדיק פארוואס ברענגט דער רמב"ם דעם ענין פון "השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו" בנוגע צו דעם וואס נר ביתו קודם משום שלום ביתו - דער גאנצער ענין פון שלום ביתו וואס איז פארבונדן מיט נר שבת, איז דאס "שלא יכשל בעץ או באבן" (שו"ע או"ח סרס"ג), וואס דערפאר דארף זיין ליכטיק אין הויז, איז וואס פאר אן ערך האט דאס לגבי דעם ענין פון "השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו"?!

ה) וויבאלד אז ער האט שוין א דאי' אז נר ביתו איז קודם משום שלום ביתו, "שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", איז צוליב וואס דארף ער זאגן "גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" - גדלות פון שלום איז נוגע ניט אין הל' חנוכה, נאר אין הל' דעוה?!

מפרשים ווילן זאגן אז כדי לסיים בדבר טוב, זאגט דער רמב"ם "גדול השלום וכו'", דאס איז אבער ניט פארשטאנדיק: (א) דער ענין פון "השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו" איז אויך א דבר טוב (ווארום דא רעדט זיך וועגן לעשות שלום בין איש לאשתו), (ב) ס'האט דאך געקענט שטיין אין א סדר הפוך: כשם שהשם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו, כך נר ביתו קודם משום שלום ביתו, וואס דאס איז דאך זיכער א סיום בדבר טוב, איז צוליב וואס ברענגט דער רמב"ם "גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם"?

ו) דערנאך איז דא א דיוק וואס ניט אלע שטעלן זיך אויף אזוינע דיוקים: מ'זעט אין רמב"ם אז יעדער הלכה טיילט ער אויס אין א הלכה בפ"ע; הל' שבת באזונדער, הל' יו"ט באזונדער, הל' שביתה עשור באזונדער וכיו"ב, בשעת ס'קומט אבער צו חנוכה ופורים, טיילט ער ניט אויס הל' מגילה באזונדער און הל' חנוכה באזונדער, נאר ער שרייבט "הלכות מגילה והנוכה" צוזאמען, ביז וואנעט אז די צוויי פרקים וואס רעדן וועגן הל' חנוכה, הייסן זיי ניט פרק א' און פרק ב', נאר זיי הייסן פרק ג' און פרק ד', וויבאלד אז זיי קומען נאך פרק א' וב' פון הל' מגילה - וואס לכאו' האט ער דאס געדארפט פאנאנדערטיילן אויף צוויי באזונדערע הלכות?

אה"נ אז זיי האבן צווישן זיך א דבר משותף, אז ביידע זיינען מצוות מדרבנן, ווי דער רמב"ם (הל' חנוכה פ"ג ה"ג) שרייבט "והדלקת הנרות בהן מצוה מדברי סופרים כקריאה המגילה" - איז דאך דאס אבער ניט קיין טעם אז צוליב דעדויף זאלן זיי געלערנט ווערן אלס איין הלכה, ס'איז דא כו"כ הלכות וואס זיינען אלע מצוות מן התורה, און אעפ"כ שטעלט זיי דער רמב"ם אין באזונדערע הלכות?

נאכמער: הל' עירובין איז דאך א פרט אין הל' שבת, ואעפ"כ איז דער רמב"ם מחלק הל' שבת באזונדער און הל' עירובין באזונדער, וואס דאס איז דאך א פרט אין הל' שבת (אע"פ אז דאס איז טאקע מדרבנן (הל' עירובין פ"א ה"ב) - זיינען דאך דא כו"כ הלכות וואס אין זיי איז דא סיי מצוות מהתורה סיי מצוות מדרבנן) - איז פארוואס שרייבט דער רמב"ם הל' מגילה והנוכה צוזאמען?

נוסף אויף דעדויף דארף אויך זיין דער קישור פון תחלתו וסופו - דער קישור פון דעם סיום פון הל' הנוכה מיט די ההחלה פון הל' מגילה, ועד"ז דער קישור פון דעם סיום פון גאנץ ספר זמנים - הל' הנוכה, מיט דער ההחלה פון ספר זמנים - הל' שבת.

וואס דא איז מודגש דער קשר פון התחלת ספר זמנים מיטן סיום פון ספר זמנים - ווארום די התחלה פון ספר זמנים איז דאך הל' שבה, און דער סיום פון ספר זמנים (הל' חנוכה) איז מיט דעם דין פון "נר ביתו ונר חנוכה או נר ביתו וקידוש היום נר ביתו קודם משום שלום ביתו", וואס די דינים זיינען דאך שייך צו הל' שבת.

- און -

און דאס האט אויך א שייכות מיוחדה צו די קביעות פון שנה זו, אז ס'איז דא צוויי שבתות אין חנוכה, וואס חנוכה איז דאך אכט טעג, און אין אכט טעג מוז זיין איין שבת, ווארום ס'קען ניט זיין שבעה ימים (עאכו"כ שמונה ימים) אן א שבת; ס'איז אבער דא א קביעות אין חנוכה אין דעם גרעסטן אופן בנוגע צו שבת, וואס דאס איז די קביעות פון ש.ז. אז אין חנוכה איז דא (ניט נאר איין שבת, נאר) צוויי שבתות (וואס אין שמונה ימים קען ניט זיין דריי מאל שבת, די מערסטע שבתות וואס ס'קען זיין אין חנוכה איז צוויי שבתות, כקביעות ש.ז.).

איז גלייך ווי מ'גייט אריין אין חנוכה, איז דא סיי נר שבת סיי נר חנוכה, ווערט דאך גלייך די שאלה וועלכער פון זיי איז קודם. וואס די עדיפות פון נר שבת אויף נר חנוכה, איז דאך ניט נאר בשעת ער האט מערניט ווי איין פרוטה, און ער קען קויפן מערניט ווי איינער פון זיי - נאר די עדיפות פון נר שבת איז אפי' ווען ער צינדט אן סיי נר שבת סיי נר חנוכה, נאר דעמולט איז דאס ניט נוגע לפועל, וויבאלד אז ער צינדט אן סיי נר שבת סיי נר חנוכה.

קומט דאך אויס אז דאס וואס נר שבת איז לעילא פון נר חנוכה, איז אין די קביעות פון ש.ז. איז דאס דא צוויי מאל, סיי בהתחלה ימי חנוכה, און סיי בסיום פון ימי חנוכה.

וואס דאס איז אויך דער קשר וואס איז דא בקביעות ש.ז. צווישן י"ט כסלו מיט חנוכה, ווארום י"ט כסלו איז חל ביום ראשון פון די וואך פון חנוכה, וואס כל ימי השבוע זיינען דאך עולה אין יום השבת, ווי ס'שטייט "ויכולו השמים והארץ וכל צבאם" (בראשית ב, א) - קומט דאך אויס אז דער טאג פון י"ט כסלו איז עולה אין דעם ערשטן טאג פון חנוכה - יום השבת.

ובפרט לויט דעם וואס דער רמב"ן (עה"פ יתרו כ, ח) טייטשט אפ דעם פסוק "זכור את יום השבת לקדשו", אז ס'איז א מ"ע דערמאנען דעם יום השבת בכל יום, וואס דאס איז וואס מ'זאגט יעדן טאג "היום יום ראשון בשבת" וכיו"ב - קומט דאך אויס אז דעם ערשטן מאל וואס דערמאנט דעם יום השבת - דער ערשטער טאג פון חנוכה - איז דאס ביום ראשון זה, י"ט כסלו, וואס דאס איז דער קשר צווישן י"ט כסלו מיט חנוכה, וואס קומט צו מצד די קביעות המיוחדת.

והביאור בכ"ז (עכ"פ בקיצור):

אין תומ"צ זיינען דא בכללות צוויי ענינים: א) דער ענין פון "מעלין בקודש", אז אין קודש גופא קומט צו א הוספה און עלי', ועד"ז דער ענין וואס מ'מאכט פון דברי הרשות ענינים פון קודש, ב) דער ענין פון "זדונות נעשו לו כזכיות", אז מ'נעמט א דבר ההפכי, וואס איז מנגד צו קדושה, און מ'מאכט פון אים אן ענין של קדושה, ווי גערעדט בארוכה אין די התוועדויות פון ימי תשרי (וא"ו תשרי, שבת שובה, יום שמח"ת).

וואס דאס איז בדוגמא ווי מ'געפינט בנוגע צו מלוכה פון א בו"ד, אז ס'איז דא צוויי דעות אין גמ' (מגילה יב, א) צי פריער דארף מען באווארענען די מדינות הקרובות וועלכע זיינען בסמיכות צו אים, אדער אז פריער דארף ער באווארענען די מדינות הרחוקות, ווארום די מדינות הקרובות וועט ער קיינמאל ניט פארשפעטיקן, משא"כ די מדינות הרחוקות, וואס דערפאר דארף מען פריער באווארענען די מדינות הרחוקות.

ועד"ז איז דאס אויך אין די מלוכה פון מלך מלכי המלכים הקב"ה, בנוגע צו א ציווי פון "אלקינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו" - איז דא אין דערויף דער אופן וואס מ'איז כובש די מדינות הקרובות, ד.ה. א הוספה אין עניני קדושה עצמם, אדער מאכן פון דבר הרשות אן ענין של

- מצוה -

מצוה; און ס'איז דא דער אופן וואס מ'איז כובש די מדינות הרחוקות, ד.ה. אז מ'נעמט אן עניין הפכי (וואס איז רחוק פון קדושה), און מ'מאכט דערפון אן עניין פון קדושה וכו'.

וואס דאס איז דער חילוק צווישן נר שבת מיט נר חנוכה: דער עניין פון נר חנוכה איז פארבונדן מיט דעם עניין פון פרסומי ניסא, ווי דער רמב"ם (הל' חנוכה פ"ד הי"ב) זאגט אז דאס איז "כדי להודיע הנס", וואס דער עניין פון נס השמן איז דאך א מדינה קרובה, ווארום עס רעדט זיך וועגן שמן טהור, און אין דערויף גופא איז געווען דער נס, אז אע"פ אז לא הי' בו להדליק אלא יום אחד, איז געווארן דער נס וואס הדליקו בו שמונה ימים, ד.ה. אז אין קדושה גופא, איז אנשטאט אז די קדושה זאל מאיר זיין יום אחד, האט זי מאיר געווען שמונה ימים;

משא"כ אבער דער עניין פון נר שבת, וואס עניינו איז "שלא יכשל בעץ או באבן", ד.ה. אז ס'איז דא אן עניין פון עץ ואבן פון וועלכן א איד קען געשטרויכלט ווערן, איז כדי צו באווארענען דעם כשלון בעץ או באבן (ובפרט ביום השבת, וואס דעמולט דארף זיין "וקראת לשבת עונג", און "כל מלאכתך עשוי'"), וואס דאס איז דער עניין פון שלום בית (און אויך מצד דעם עניין פון עונג שבת, וואס דאס האט דאך אויך א שייכות צו נר שבת (נתבאר בארוכה בשיחת ש"פ וישב)), דארף מען אנצינדן נר שבת, וואס דאס פועל'ט אז מ'זאל ניט נכשל ווערן אין דעם עץ ואבן, נאר אדרבה, ער זאל זיי נוצן פאר גוטע זאכן.

ד.ה. אז דער עניין פון נר חנוכה איז דאס ע"ד א מדינה קרובה, אז אין קדושה גופא קומט צו א הוספה, און אן עניין של נס; און דער עניין פון נר שבת איז ע"ד א מדינה רחוקה, אז מ'נעמט אן עניין וואס פון אים קען זיין א כשלון, און מ'איז שולל דעם כשלון וואס קען ארויסקומען פון אים, ואדרבה, מ'נוצט אים אויף אן עניין של קדושה.

וואס כללות העבודה פון א אידן דארף זיין סיי אין נר שבת, סיי אין נר חנוכה, ד.ה. אז ער דארף כובש זיין סיי די מדינות רחוקות, סיי די מדינות קרובות, וואס בכללות איז דאס דער עניין פון עשה טוב, מ"ע, און סור מרע, מל"ת: מ"ע איז דער עניין פון א מדינה קרובה, ווארום א מצוה מוז דאך זיין פון א דבר הרשות דוקא, ניט קיין מצוה הבאה בעבירה; און דער עניין פון מל"ת איז דאך, אז ער איז דוחה דעם דבר המנגד ער זאל ניט אריינגיין בגבולו, "לא תעשה", "לא תאכל" וכיו"ב, וואס דאס איז בדוגמת מדינה רחוקה.

ובכללות איז דאס ווי דערמאנט פריער (וואס ס'האט זיך גערעדט בחודש תשרי) אז ס'איז דא דער דרך וואס זכיות זיינען זכיות, און זדונות זיינען זדונות, ד.ה. אז ער איז דוחה דעם עניין הזדונות, אין אן אופן פון סור מרע; און ס'איז דא דער דרך וואס זדונות נעשו לו כזכיות, אז ער נעמט דעם עניין הפכי, און איז דאס מהפך צו זכיות.

וואס דאס איז דער עניין פון נר שבת, אז בשעת ס'איז דא אן עץ ואבן פון וועלכן א איד קען נכשל ווערן אין זיי - פועל'ט נר שבת אז ניט נאר ער זאל ניט נכשל ווערן אין דעם, נאר מצד דעם וואס ס'איז געווען אן עץ ואבן וואס מ'קען נכשל ווערן אין זיי, איז ביי אים געווארן א ציווי ער זאל ליכטיק מאכן זיין הויז, ד.ה. אז פון דעם עניין הפכי (עץ ואבן), איז ביי אים געווארן אן עניין של מצוה.

ביז אז דאס איז אויך מוסיף אין דער מצוה פון עונג שבת, אע"פ וואס עיקר הטעם דערפון איז משום שלום ביתו, איז דאך דאס אבער אויך פארבונדן מיט עונג שבת, כמבואר דער טעם אויף דערויף (שו"ע אדה"ז או"ח

ברס"ג ס"ב) אז בשעה ער עסט סעודה שבה לאור הנר, דעמולט האט ער א אכת׳ע
און א גרעסערע הנאה פון די מאכלים וואס ער עסט אין דער סעודה. ד.ה. אז
דורך דעם וואס ער איז שולל דעם ענין פון כשלון בעץ ובאבן (דורך דעם
וואס ער צינדט אן דעם נר), קומט ביי אים צו אין דעם ענין פון עונג שבה.

איז בשעה אז ס׳קומט שבת חנוכה, און ס׳דארף זיין דער ענין פון נר
שבה און נר חנוכה, ד.ה. אז מ׳דארף באווארענען דעם ענין הכשלון בעץ
ובאבן, וואס דאס איז א מדינה רחוקה; און ס׳דארף אויך זיין דער ענין
פון נר חנוכה, וואס דאס איז דער ענין פון פרסומי ניסא, אז אין קדושה
גופא ווערט פון דעם אור דיום אחד - אן אור פון שמונה ימים, וואס דאס
איז דער ענין פון א מדינה קרובה -

זאגט מען אויף דערויף אז נר ביתו קודם משום שלום ביתו, ד.ה. אז
די ערשטע זאך דארף מען באווארענען אז ס׳זאל ניט זיין קיין כשלון בעץ
ובאבן - דער ענין פון נר שבת, און אויב עד קען זיך ניט אויספדאווען
מיט ביידע זאכן, ווארום ער האט מערניט ווי איין פרוטה, דארף ער
אויסגעבן די פרוטה אויף נר שבת, וויבאלד אז דאס איז די שלילה פון עץ
ואבן.

וואס דערפאר איז בשעת ער קען ניט טאן ביידע זאכן, סיי אנצינדן
נר שבת, סיי אנצינדן נר הנוכה, וויבאלד אז ער האט נאר איין פרוטה -
זאגט מען אים אז עד דארף אויסגעבן די פרוטה אויף נד שבת, וויבאלד אז
דער ענין פון נר שבת איז שלילת הכשלון פון עץ ואבן.

און אויף דערויף ברענגט דער רמב"ם א ראי׳, אז בשעה ס׳איז דא א
ברירה אדער ס׳זאל זיין אן ענין פון קדושה בעולם, אדער ס׳זאל זיין דער
ענין פון שלילת ההיפך, ד.ה. אין א פאל ווען ס׳קענען ניט זיין ביידע
זאכן צוזאמען - זאגט מען אז פריער דארף זיין שלילה ההיפך, אפי׳ ווען
דאס איז בסתירה צו המשכת הקדושה אין וועלט.

איז די ראי׳ אויף דערויף דערפון וואס "השם נמחק לעשות שלום בין
איש לאשתו", והביאור בזה: דער ענין פון א סוטה, איז דאך א הנהגה שלא
כדבעי, זי האט זיך געפירט שלא כדבעי, און ס׳איז געווען קינוי וסתירה
- וואס דעמולט דארף מען מאכן א שלום בין איש לאשתו, אע"פ אז ס׳רעדט
זיך וועגן א סוטה (א הנהגה שלא כדבעי), אעפ"כ דארף מען מאכן שלום בין
איש לאשהו;

דערנאך איז דא דער ענין וואס "הלך הקב"ה מהלך ת"ק שנה לקנות לו
שם" (קה"ר עה"פ ז, א), וואס דער ענין פון שמו של הקב"ה, איז דאך די
גרעסטע קדושה וואס איז דא אין וועלט, אבער וואס איז דער קשר צווישן
שמו של הקב"ה מיט וועלט - איז בשעת אז מ׳שרייבט שמו של הקב"ה בדיו על
קלף גשמי, דעמולט איז די קדושה פון דעם שם פארבונדן מיט וועלט. וכנ"ל
אז די קדושה פון שמו של הקב"ה, איז דאס א קדושה גדולה ביותר.

ובפרט ווען ס׳רעדט זיך וועגן מגילת סוטה, איז דאך דער דין אז
מ׳דארף דארטן שרייבן כמ"פ דעם שם הוי׳ דוקא (רמב"ם הל׳ סוטה פ"ג ה"ז-ה),
ניט פון אלע שבעה שמות שאינם נמחקים, נאר שם הוי׳ דוקא, און ס׳דארף
זיין געשריבן לשמה, מיט אלע דיוקים שבזה, כמבואר אין הל׳ סוטה (ראה
שם פ"ד ה"ה-יא).

זעט מען דאך אז בשעת מ׳דארף מאכן שלום בין איש לאשתו (באווארענען
אן ענין בלתי רצוי), זאגט מען אז מ׳זאל נעמען שמו של הקב"ה, וואס דאס
איז די גרעסטע קדושה אין וועלט (כנ"ל), און מוחק זיין על המים - כדי
צו מאכן שלום בין איש לאשתו. וואס די הסברה בזה איז דאך, וויבאלד אז
ס׳רעדט זיך וועגן כובש זיין א מדינה רחוקה (אן ענין הפכי), איז דאס

- קודם -

קודם צום כיבוש פון א מדינה קרובה (עניני קדושה), וואס דערפאר איז "השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו".

וואס דערפון לערנט מען אפ בנוגע צו נר שבת און נר חנוכה (שזהו"ע מדינה רחוקה וקרובה כנ"ל), אז נר שבת קודם משום שלום ביתו, ובמכ"ש וק"ו: מה-דאך אז מ'זאגט אז "השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", ד.ה. ניט נאר אז מ'טוט ניט קיין ענין של קדושה, אז מ'שרייבט ניט שמו של הקב"ה (ע"ד ווי בנדו"ד אז מ'צינדט ניט אן נר חנוכה), נאר נאכמער: מ'שרייבט אן שמו של הקב"ה, און מ'איז דאס מוחק על המים - כדי צו מאכן שלום בין איש לאשתו - כובש זיין די מדינה רחוקה (ענינים בלתי רצויים);

איז דאך עאכו"כ אז בשעה ס'רעדט זיך וועגן נר שבת ונר חנוכה (וואס נר שבת איז דער ענין פון שלילת הכשלון בעץ ואבן - מדינה רחוקה, און נר חנוכה איז דער ענין פון פרסומי ניסא - מדינה קרובה), איז נר שבת קודם משום שלום ביתו, שלא יכשל בעץ ואבן, וואס דאס איז די שלילה פון דעם ענין בלתי רצוי, וואס דאס איז קודם צו נר חנוכה שענינו א הוספה אין קדושה גופא.

וואס דאס לערנט מען אפ דערפון וואס "השם נמחק לעשות שלום בעולם", וואס די הסברה בזה איז וויבאלד אז ס'רעדט זיך וועגן כובש זיין א מדינה רחוקה (ווארום מ'מוז דאך ניט זאגן אז דאס איז אן ענין פון א גזירת הכתוב).

וע"ד האמור לעיל אז דורך דעם ענין פון נר שבת וואס ענינו איז שלילה הכשלון פון עץ ואבן (ענינים בלתי רצויים), קומט ביי אים צו דער ענין פון עונג שבת, איז עד"ז אויך בנוגע צו דעם ענין פון לעשות שלום בין איש לאשתו, אז דורך דעם ווערט דער ענין פון "ונקתה ונזרעה זרע" (נשא ה, כח), ווי די גמ' (סוטה כו, א) זאגט "אם היתה יולדה בצער יולדת בריוח וכו'", אדער ווי הנה האט געזאגט אז אויב דער אויבערשטער וועט ניט ממלא זיין בקשתה, איז "אלך ואסתר וכו'", וואס דעמולט וועט ביי איר זיין דער "ונקתה ונזרעה זרע" (ברכות לא, ב). וואס דאס איז ע"ד ווי ביי נר שבת, אז דורך דעם ענין וואס ער איז שולל דעם כשלון בעץ ובאבן, קומט צו ביי אים אין דעם עונג פון סעודת שבת.

און אויף דערויף איז דער רמב"ם ממשיך צו מבאר זיין וואס איז טאקע די הסברה אין דעם דין וואס "השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", און אין דעם דין וואס "נר ביתו ונר חנוכה, נר ביתו קודם משום שלום ביתו" (וואס נקודתם איז דער ענין פון כיבוש מדינה רחוקה דוקא) - זאגט דער רמב"ם אז דאס איז ניט קיין גזירת הכתוב, נאר דאס איז דער גאנצער ענין פון תורה ומצוותי', ווארום "גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם", וואס דאס איז דער ענין פון כיבוש מדינה רחוקה דוקא. והביאור בזה:

דער ענין פון "שלום" איז שייך צו זאגן דוקא אין אן ארט וואו ס'זיינען דא צוויי זאכן וואס ס'איז דא אן אפשריות פון א מחלוקת צווישן זיי, זיי קענען שטיין אין א מצב פון קרב (מלחמה), דעמולט איז שייך צו זאגן דעם ענין פון שלום (משא"כ אויב ס'איז דא נאר איין זאך, וואס דעמולט איז דאך ניט שייך אז ס'זאל זיין דער ענין המלחמה, דארף מען דאך ניט באווארענען דעם ענין פון שלום).

און בנוגע צו תורה זאגט מען אז "התורה ניתנה לעשות שלום בעולם", ד.ה. אז די תורה וואס זי איז דאך א "חמדה גנוזה" (שבת פח, ב), און "אלפיים שנה קדמה תורה לעולם" (מדרש תהלים עה"פ צ, ג), תורה איז אינגאנצן העכער פון וועלט - איז זי אבער געגעבן געווארן דא למטה, כדי

- צו -

צו מאכן שלום אין א וועלט וואס לולא ענין התורה וואלט דארטן געווען א מצב של מלחמה, ד.ה. א מדינה רחוקה, איז די תורה געגעבן געווארן למטה כדי צו באווארענען אז אין די מדינה רחוקה זאל (ניט זיין קיין ענין של מלחמה, נאר ס'זאל) זיין דער ענין השלום.

און וויבאלד אז מ'זעט אז כללות ענין התורה איז דער ענין פון כובש זיין א מדינה רחוקה דוקא, דערפאר איז "השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", און "נר ביתו קודם משום שלום ביתו" - וויבאלד אז ענינם איז כיבוש פון א מדינה רחוקה.

און וויבאלד אז חנוכה איז דאך א טייל פון תורה, און דער פרסומי ניסא דחנוכה איז אויך א טייל פון תורה - דערפאר מאנט חנוכה גופא אז נר ביתו זאל זיין קודם צו נר חנוכה, מצד דערויף וואס חנוכה איז א טייל פון תורה שענינה לעשות שלום בעולם - כיבוש מדינה רחוקה. וואס דערפאר שטייט דער דין (אז נר ביתו קודם) אין הל' חנוכה, אויף באווייזן אז חנוכה מצ"ע זאגט אז נר ביתו קודם, וויבאלד אז חנוכה איז א חלק פון הורה שענינה לעשות שלום בעולם (לשלימות הענין - ראה שיחת ש"פ וישב וש"פ מקץ).

עפי"ז וועט מען אויך פארשטיין דעם קשר צווישן חנוכה מיט פורים: דער חילוק צווישן חנוכה מיט פורים איז ע"ד החילוק פון נר שבת ונר חנוכה (האמור לעיל): דער ענין פון פורים איז פארבונדן בעיקר מיטן גוף, ווארום גזירת המן איז געווען אויף דעם גוף - להשמיד להרוג ולאבד; משא"כ דער ענין פון חנוכה איז פארבונדן מיט די נשמה, ווארום דער ענין פון חנוכה איז דאך דער פרסום פון נס השמן - אן ענין פון נשמה - וואס נשמה וגוף בערך זל"ז, זיינען ע"ד ווי א מדינה קרובה (נשמה) און א מדינה רחוקה (גוף). וואס דאס איז ע"ד החילוק פון נר שבת (מדינה רחוקה) מיט נר חנוכה (מדינה קרובה).

וואס באמת איז סיי חנוכה און סיי פורים זיינען פארבונדן סיי מיטן גוף סיי מיט די נשמה - אבער דער ענין פון "נר חנוכה" איז מדגיש (ניט דעם ענין המלחמה, וואס דאס זאגט מען אין "ועל הנסים", נאר) דעם ענין פון פרסום הנס, ווי דער רמב"ם זאגט אז דאס איז "כדי להודיע הנס". ביז אז אפי' די מלחמה וואס איז געווען דעמולט, איז אויך געווען פארבונדן דערמיט וואס "בטלו דתם ולא הניחו אותם לעסוק בהומ"צ, ופשטו ידם בממונם ובבנותיהם", ווי דער רמב"ם שרייבט אין אנהויב פון הל' חנוכה. ד.ה. אז עיקר ענין פון חנוכה איז פארבונדן מיט דער נשמה.

ועד"ז בנוגע צו פורים, אז דאס איז אויך פארבונדן מיט א מלחמה רוחנית, ווארום דאס איז דאך געקומען דערפאר וואס "מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה" (אסתר ג, ב), און דערנאך איז "הגידו לו את עם מרדכי" (שם ח). אז אלע אידן זיינען אין אן אופן וואס "לא יכרע ולא ישתחוה", וואס דאס איז דאך א מלחמה רוחניה וואס איז פארבונדן מיט די נשמה - אעפ"כ איז אבער עיקר הענין פון פורים דער ענין פון משתה ושמחה, ענינים וועלכע זיינען פארבונדן מיטן גוף.

און ווי דער ט"ז (או"ה סהע"ר סק"ג) און דער של"ה זיינען מחלק צווישן חנוכה מיט פורים - אז חנוכה איז בעיקר אן ענין רוחני, וואס דערפאר איז דער ענין הסעודות וואס מ'מאכט בחנוכה איז דאס מערניט ווי א מנהג; משא"כ פורים איז עיקר ענינו משתה ושמחה, ביז אז "חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע" (מגילה ז, ב).

און וויבאלד אז חנוכה ופורים איז דאס ע"ד הענין פון גוף ונשמה (מדינה רחוקה ומדינה קרובה), און לאידך, איז דא אין יעדערער פון זיי

- ביידע -

בידע ענינים - דערפאר איז דער רמב"ם כולל חנוכה און פורים צוזאמען, דערמיט וואס ער שרייבט "הל' מגילה וחנוכה" צוזאמען.

וואס דאס איז נוסף אויף דעם טעם שע"פ קבלה, אז די ג' רגלים זיינען כנגד די ג' ספירות חסד גבורה תפארת (פסח איז דער ענין פון אברהם - "לושי ועשי עוגות" (וירא יח, ו), וואס ענינו איז חסד; שבועות, זמן מתן תורתנו, איז דער ענין פון יצחק, ענין הגבורה; און סוכות איז דער ענין פון יעקב, "ויעקב נסע סכתה" (וישלח לג, יז), דער ענין פון תפארה (לקו"ת ר"ה נח, א)), און חנוכה ופורים זיינען כנגד די ספירות נצח והוד (אין פרע"ח ברענגט זיך אראפ צוויי דעות, וועלכער פון זיי איז כנגד נצח, און וועלכער כנגד הוד, אבער עכ"פ חנוכה ופורים זיינען כנגד נצח והוד).

וואס נצח והוד ווערן דאך אנגערופן "תרי פלגי גופא" - וואס דערפאר שטעלט דאס אריין דער רמב"ם אין איין הלכה (ווי דער רבי נשיא דורנו איז מבאר בכ"מ אז דער רמב"ם האט אריינגעשטעלט בספרו עניני קבלה ברמז). דאס ווערט טאקע אנגערופן הל' מגילה, און דאס ווערט אנגערופן הל' חנוכה - אבער דאס איז אריינגעשטעלט געווארן אין איין הלכה, וויבאלד אז דאס איז "תרי פלגי גופא" - איין גוף.

וואס דערפאר איז סיי אין חנוכה סיי אין פורים זיינען דא בידע ענינים: סיי דער ענין וואס איז פארבונדן מיטן גוף, בדוגמא צו נר ביתו; סיי דער ענין וואס איז פארבונדן מיט די נשמה, בדוגמא צו פרסומי ניסא.

און דעמולט בלייבט דער דין אז נר ביתו קודם משום שלום ביתו, ווי דער רמב"ם איז מסיים אז דאס איז דער גאנצער ענין פון תורה "לעשות שלום בעולם". וואס דערפאר פסק'נט אפ חנוכה גופא (אלס א חלק פון גאנץ תורה) אז נר ביתו קודם לנר חנוכה.

ביז אז חנוכה פסק'נט אז "נר ביתו וקידוש היום" איז נר ביתו קודם, וואס דער ענין פון קידוש היום איז דאך אן ענין של קדושה ורוחניות, און דער ענין פון נר ביתו איז שלום ביה, שלא יכשל בעץ ובאבן (וואס בכללות זיינען בידע א טייל פון שבת, שענינו מנוחה - אן ענין פון דעם גוף, אבער בפרטיות איז נר ביתו מערער פארבונדן מיט דער נשמה - אן ענין פון קדושה) - פסק'נט אפ <u>חנוכה</u> אז נר שבת האט א מעלה לגבי קידוש היום, וויבאלד אז חנוכה איז א טייל פון תורה, שענינה לעשות שלום בעולם (שזהו"ע כיבוש מדינה רחוקה - נר ביתו).

וואס דאס איז אויך דער קישור צום סיום פון די ששה סדרי משנה - "ה' עוז לעמו יתן ה' יברך את עמו בשלום" - וואס דאס איז בדוגמא צו דעם וואס "התורה ניתנה לעשות שלום בעולם".

און דאס איז אויך קשור להתחלה - "מאימתי קורין את שמע בערבית" (אדער בערבין (ראה ד"ס ריש ברכות)), וואס דאס איז דאך דער ענין רוחני פון יראה ה' - הל' ק"ש, ווי דערמאנט פריער פון ריא"ז. און דערפון ווערט דער נעוץ סופן בתחלתן ותחלתן בסופן, און מ'איז מסיים די ששה סדרי משנה, און ווי מ'זאגט אין דעם הדרן אז ס'זאל זיין תעזרנו להתחיל ולסיים מסכתות וספרים אחרים. עאכו"כ אז מ'איז תוכף וסומך דעם סיום פון די ששה סדרי משנה צו די התחלה פון ששה סדרי משנה - "מאימתי קורין את שמע בערבית".

און ווי געערדט כמ"פ דעם פי' בזה, אז אין דעם ערב און אין דעם חושך הגלות, זאל מען דעמולט ליינען שמע. וכידוע דער סיפור וואס חסידים דערציילן אז ר"א המלאך (דער זון פון מגיד) האט געזאגט אז מאימתי - פון דעם ענין פון אימת ה', איז קורין את שמע בערביה.

- וואס -

וואס דאס איז בהמשך להאמור לעיל בנוגע צו נר חנוכה, וואס נר חנוכה דארף מען דאך אנצינדן משתשקע החמה, ווען ס'איז שוין ערבית, און דעמולט איז קורין את שמע "מאימתי" - וואס דאס איז מל' אימה ויראה ורתת וזיעה, און דעמולט קומט מען צום "מאימתי קורין את שמע בשחרית" - אז ס'קומט דער שחרית און דער בוקר הגאולה, בגאולה האמיתיה והשלימה ע"י משיח צדקנו, ובקרוב ממש.

אח"כ אמר: מסתמא וועט מען פאנאנדערטיילן די צעטלאך וכו'.

# משיחת ש״פ וישב תשל״ו

ח. מ'האט דאך גערעדט בנוגע צו דעם סיום פון רמב"ם אויף הל' חנוכה, וואס בסיום הל' חנוכה ברייגגט ער הלכות וואס האבן א שייכות צו הל' שבת:

"הרי שאין לו אלא פרוטה אחת, ולפניו קידוש היום (פון שבת) והדלקת נר הנוכה, מקדים לקנות שמן להדליק נר חנוכה על היין לקידוש היום, הואיל ושניהם מדברי סופרים מוטב להקדים נר חנוכה שיש בו זכרון הנס".

דערנאך איז ער ממשיך "הי' לפניו נר ביתו (נר שבת) ונר הנוכה, או נר ביתו וקידוש היום, נר ביתו קודם משום שלום ביתו, שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו", ביז צו דעם סיום ממש וואס דארטן רעדט ער וועגן דעם ענין השלום - "גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם".

האט מען מבאר געווען בזה, אז אין דערויף זעט מען דעם נעוץ החילתן בסופן - ווארום דער אנהויב פון סדר זמנים אין רמב"ם איז מיט הל' שבת, ועד"ז דער סיום פון הל' זמנים איז אויך אין הל' שבת.

[און דער קישור פון שבת מיט חנוכה איז מודגש ביותר בקביעות ש.ז. אז דער ערשטער טאג פון חנוכה איז שבת, וכמבואר אין שערי אורה (פמ"ב) - בגילוי (ניט נאר ברמז) - אז דער ערשטער טאג פון חנוכה איז כולל אלע טעג פון חנוכה,

[און ווי ס'איז אויך פארשטאנדיק בפשטות, ווארום דער נס פון חנוכה איז דאך געווען דאס וואס מ'האט געפונען דעם פך שמן טהור ביום הראשון, וואס דורך דעם איז געווען דער נס אז דאס האט מספיק געווען פאר אכט טעג, וואס דערפון איז מובן אז דער עיקר הנס דחנוכה איז געווען ביום הראשון וואס דעמולט האט מען געפונען דעם שמן],

איז וויבאלד אז בש.ז. איז דער ערשטער טאג פון חנוכה ביום השבת, קומט דאך אויס אז אלע טעג פון חנוכה ווערן נכלל אין יום השבת, וואס דערמיט איז מודגש ביותר די שייכות פון שבת מיט חנוכה].

און מ'האט אויך מבאר געווען (בקיצור) פארוואס ברענגט דער רמב"ם דעם דין אין הל' חנוכה - וויבאלד אז די מעלה פון נר ביתו איז מצד שלום ביתו, און גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם, איז וויבאלד אז הל' הנוכה זיינען דאך א חלק פון תורה, זאגט חנוכה אליין (אלס א טייל פון גאנץ תורה) אז נר ביתו קודם מצד די מעלה פון שלום ביתו, ווארום דער ענין השלום איז דאך דער גאנצער ענין התורה.

ט. ויש להוסיף בזה: דער ענין פון חנוכה איז דאך אז דעמולט איז געווען דער נצחון אויף די יונים, וואס זיי האבן דאך געוואלט להשכיחם תורתך וכו', און הנוכה איז געווען דער נצחון אין דער מלחמה מיט די יונים, ד.ה. אז דער ענין פון הנוכה איז אן ענין כללי אין גאנץ תומ"צ;

און דערפאר ברענגט דא דער רמב"ם אן ענין כללי וואס איז פארבונדן מיט גאנץ תורה - אז כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם, ווארום הנוכה איז אן ענין כללי אין גאנץ תומ"צ: און דערפאר ברענגט ער דא די מעלה פון נר ביתו (לגבי נר חנוכה) מצד שלום ביתו, ד.ה. אז הנוכה מצ"ע איז מדגיש דעם ענין הכללי אין תומ"צ - מעלת השלום. וואס דערפאר שטייט אין הל' חנוכה גופא אז נר ביתו קודם, מצד מעלה השלום.

וואס דערמיט איז פארענטפערט דאס וואס מ'האט געפרעגט אז אויב דער רמב"ם וויל מבאר זיין די מעלה פון שלום, איז פארוואס דארף ער דאס זאגן

- אין -

הנחה הה' בלתי מוגה

אין הל' חנוכה, דעם זעלבן דין (אז נר ביתו איז קודם לנר חנוכה - מצד גודל מעלה השלום) קען ער דאך זאגן אין הל' שבת?

איז דער ביאור בזה: ווען דער רמב"ם וואלט געזאגט דעם דין אין הל' שבה, וואלט ניט געווען מודגש אויף אזוי פיל די מעלה פון שלום: דוקא ווען ער זאגט דאס אין הל' חנוכה, וואס דער ענין פון חנוכה איז דאך זכרון הנס (ניט דער ענין פון שלום); און נאך דערויף וואס ער איז מבאר הל' חנוכה, און ער זאגט אז "מצות נר חנוכה מצוה חביבה היא עד מאד" (פ"ד הי"ב) - און אעפ"כ איז נר ביתו קודם לנר חנוכה - איז אין דערויף מודגש ביותר גודל מעלה השלום.

י. עפ"י הנ"ל וועט מען פארשטיין א דבר פלא אין רמב"ם:

דער דין אז נר ביתו איז קודם לנר חנוכה משום לשום ביתו, שטייט אין שו"ע אין צוויי ערטער: אין הל' שבת (או"ח סרס"ג ס"ג), און אין הל' חנוכה (או"ח סתרע"ח) - ולפי"ז איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט דאס דער רמב"ם אריינגעשטעלט נאר אין הל' חנוכה (און ניט אין הל' שבת וואס זיינען פאר הל' חנוכה)?

ובפרט עפ"י כללי הרמב"ם אז ער פארלאזט זיך ניט אויף דעם וואס ער וועט שרייבן שפעטער (נאר אויף דעם וואס ער האט שוין געשריבן אין די הלכות שלפנ"ז), און בשעת ס'איז דא אן ענין בלתי מובן, דארף מען זוכן דעם ביאור אויף דערויף אדער על אתר, אדער אין די הלכות שלפנ"ז,

[- אין שו"ע איז ניטא אזא כלל, ווארום דער שו"ע איז פאנאנדער געטיילט אויף פיר חלקים: או"ה, יו"ד, אה"ע, און חו"מ, און אין יעדן חלק זיינען דא כו"כ הלכות, וואס יעדער הלכה שטייט במקומה, און דערפאר איז ניטא דער כלל אז מ'פארלאזט זיך ניט אויף דעם וואס שטייט שפעטער, משא"כ אבער אין רמב"ם, אז דארטן איז דא דער כלל וואס ער פארלאזט זיך ניט אויף דעם וואס ער וועט שרייבן שפעטער],

- איז דאך אינגאנצן ניט מובן פארוואס האט דער רמב"ם ניט אריינגעשטעלט אין הל' שבה אז נר ביתו ונר חנוכה איז נר ביתו קודם מצד שלום ביתו?

יא. דעם זעלבן פלא זעט מען אויך אין דעם אלטן רבי'נס שו"ע (וואס לײדער איז מען ניט מדייק אין דעם לימוד פון דעם אלטן רבי'נס שו"ע), אז אין הל' שבת ברענגט זיך ניט אראפ דער דין אז נר ביתו ונר חנוכה נר ביתו קודם משום שלום ביתו (אע"פ אז אין שו"ע שטייט דאס אין הל' שבת כנ"ל), אזוי ווי דער רמב"ם ברענגט דאס ניט אראפ אין הל' שבה.

[וואס דאס איז מאשר דאס וואס מ'האט געדערט כמ"פ אז דער אלטער רבי האט געשריבן זיין שו"ע עפ"י כללי הרמב"ם. אע"פ אז דער רמב"ם שרייבט נאר די הלכוה (אן די טעמים) און דער אלטער רבי שרייבט אויך טעמי ההלכות (עכ"פ בקיצור), ווי עס ווערט אראפגעבראכט אין הקדמת הרבנים בני הגאון המחבר צום שו"ע - אעפ"כ זעט מען אז ער שרייבט עפ"י כללי הרמב"ם (וואס דער סדר ההלכות האט דאך ניט קיין שייכות צו טעמי ההלכות, און דערפאר האט ער דאס ניט געשריבן אין הל' שבת, אזוי ווי דער רמב"ם האט דאס ניט געשריבן אין הל' שבת). ועד"ז געפינט מען בכו"כ מקומות אז דער אלטער רבי שרייבט בסגנון הרמב"ם].

און בנוגע צום אלטן רבי'נס שו"ע איז דער פלא נאך א גרעסערער: ווייבאלד אז לפועל האבן מיר ניט דעם אלטן רבי'נס שו"ע אויף הל' חנוכה,

- וואס -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

– וואס אע"פ אז ער האט געוואלט שרייבן אויף הל' חנוכה, און עס קען גאר זיין אז ער האט טאקע געשריבן, נאר דאס איז געווען צווישן די כתבים וואס זיינען פארברענט געווארן ולפועל איז דאס צו אונז ניט אנגעקומען, איז דאך דאס אויך בהשגחה פרטית –

און דער מגיד (וואס י"ט כסלו איז זיין יום הילולא) האט דאך אים געהייסן ער זאל שרייבן א שו"ע (ראה הקדמת הרבנים בני המחבר) – איז וויבאלד אז ער האט געוואוסט אז סוכ"ס וועלן מיר ניט האבן זיין שו"ע אויף הל' חנוכה, האט ער דאך זיכער געדארפט שרייבן דעם דין (אז נר ביתו קודם לנר חנוכה) אין הל' שבת, כדי אז דער דין זאל זיין אין זיין שו"ע, איז דאך נאכמער ניט פארשטאנדיק פארוואס האט ער דאס ניט אריינגעשטעלט אין הל' שבת?

אבער עפ"י המבואר לעיל (סעיף ט) איז פארשטאנדיק אז דער ארט פון דער הלכה איז דוקא אין הל' חנוכה (און ניט אין הל' שבת), ווארום מ'וויל דאך מרגיש זיין גודל מעלת השלום, וואס דאס איז מודגש ביותר ווען דאס שטייט אין הל' חנוכה דוקא (כנ"ל בארוכה), וואס דערפאר שטייט דאס דוקא אין הל' חנוכה און ניט אין הל' שבת.

יב. דערמיט וועט מען אויך פארשטיין דאס וואס סוגית הגמרא "מאי חנוכה" איז אין פרק במה מדליקין (שבת כא, ב ואילך):

דלכאו', וויבאלד אז די גמרא גייט דאך אויף די משנה, און אין די משנה ווערט אינגאנצן ניט דערמאנט דער עניין פון חנוכה (די גאנצע שייכות פון חנוכה אהערצו, איז נאר דערפאר וואס אין משנה רעדט זיך וועגן די נרות און די פתילות פון שבת, איז בהמשך לזה רעדט זיך אויך וועגן נרות חנוכה, און די חילוקים שביניהם וכו') – איז דאך ניט דא דער ארט אויף סוגית חנוכה;

ס'איז דא א משנה אין סדר נזיקין (ב"ק סב, ב) "גמל שהי' טעון פשתן . . בנר חנוכה פטור", איז וויבאלד אז אין די משנה רעדט זיך וועגן חנוכה, האט געדארפט זיין סוגית הגמרא "מאי חנוכה" בהמשך צו די משנה, איז פארוואס שטייט דאס אין מסכת שבת?

אבער עפ"י המבואר לעיל (סעיף ח-ט) די שייכות פון חנוכה צו שבת – איז מובן פארוואס איז סוגית הגמ' "מאי חנוכה" אין מסכת שבת דוקא.

יג. בנוגע צו דעם חיוב פון הדלקת נר שבת (בהבא לקמן ראה מכתב עש"ק והנוכה ש.ז.) שרייבט דער אלטער רבי אין שו"ע (או"ח ר"ס רסג): "תקנו חכמים שיהי' לכל אדם נר דולק בשבת . . משום שלום בית שלא יכשל בעץ או באבן". דערנאך איז ער ממשיך: "וחייב כל אדם כשאוכל סעודה הלילה לאכלה אצל אור הנר שזה בכלל עונג שבת הוא".

ד.ה. אז דער חיוב הדלקת הנר איז נאר כדי "כלא יכשל בעץ או באבן" (און ניט בשום עונג שבה), ס'איז נאר "בכלל עונג שבת", ווי ער טייטש אפ (ס"ב) "שזהו בכלל עונג סעודת הלילה שכשאוכלה בלא נר אין לו עונג מכנה כ"כ", וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז נר שבת מצ"ע האט ניט קיין שייכות צו עונג שבת (אז צוליב דעם נר אליין זאל זיין עונג שבת), נאר דער נר איז מוסיף אין דעם עונג וואס ער האט פון די סעודה (וואס שבת איז דאך דא א מצוה לענגו באכילה ושתיה, איז בשעת ער עסט סעודת הלילה אצל אור הנר, האט ער מערער תענוג פון די סעודה, אבער ניט אז עצם הדלקת הנר איז משום עונג שבת).

– און –

הנחה הת' בלתי מוגה

און די ראי׳ אויף דערויף איז, דערפון וואס אין סרמ"ב - וואס דארטן רעדט זיך וועגן כבוד ועונג שבת - ברענגט זיך ניט אראפ דער עניין פון הדלקת הנר.

וואס מצירוף ב׳ העניינים (דער דיוק אז ס׳שטייט "בכלל עונג שבת הוא"; און דאס וואס אין סרמ"ב ברענגט זיך ניט דער עניין פון הדלקת נר שבת) איז מוכח אז דער חיוב פון הדלקת נר שבת איז ניט צוליב עונג שבת (ס׳איז מערניט וואס דורך דעם נר ווערט ניתוסף אין דעם עונג וואס ער האט פון די סעודה).

דער רמב"ם האלט אבער אז הדלקת הנר איז משום עונג שבת, ווארום דער רמב"ם (הל׳ שבת פ"ה ה"א) שרייבט "אפי׳ אין לו מה יאכל שואל על הפתחים ולוקח שמן ומדליק את הנר שזה בכלל עונג שבה".

און מ׳קען ניט מדייק זיין דערפון וואס ער זאגט "שזה בכלל עונג שבה" אז דער חיוב פון נר שבת איז ניט צוליב עונג שבת, נאר אז דאס איז מוסיף אין דעם עונג הסעודה (כנ"ל בשיטת אדה"ז) - ווארום דער רמב"ם זאגט דאך בפירוש "אפי׳ אין לו מה יאכל . . מדליק את הנר שזה בכלל עונג שבת", ד.ה. אז דער עונג שבת וואס קומט ע"י הנר איז דאס ניט דער עונג וואס ער עסט די סעודה לאור הנר, ווארום דא רעדט זיך דאך אז ער האט ניט וואס צו עסן - קומט דאך אויס אז שיטה הרמב"ם איז, אז נר שבת אליין איז משום עונג שבת (און ניט אז ע"י קומט צו עונג אין אן אנדער עניין).

יד. עד"ז געפינט מען אויך די פלוגתא בנוגע צו כבוד שבת:

דער רמב"ם (הל׳ שבת פ"ל ה"ה) זאגט: "ויהי׳ נר דלוק ושלחן ערוך לאכול ומטה מוצעת, שכל אלו לכבוד שבת הן". וואס דער מקור פון דעם דין איז דאס וואס די גמרא (שבת קיט, ב) זאגט "וכשבא לביתו ומצא נר דלוק ושלחן ערוך ומטתו מוצעת מלאך טוב אומר וכו׳". וואס דערפון זעט מען אז דער רמב"ם האלט אז הדלקת הנר איז משום כבוד שבת.

אבער דער אלטער רבי (סרס"ב ס"א) זאגט: "צריך אדם לסדר שלחנו בע"ש ללילי שבת ויציע המטות . . שזהו כבוד השבת" - ער איז אבער משמיט דעם עניין פון נר דלוק.

וואס דערפון זעט מען דאך אז שיטת הרמב"ם איז, אז נר דלוק איז משום כבוד שבת, משא"כ שיטה אדה"ז איז, אז נר שבת איז (נאר שלא יכשל בעץ או באבן, און) ניט משום כבוד שבה.

וואס דאס איז ע"ד זייער פלוגתא בנוגע צו עונג שבת, אז דער רמב"ם זאגט אז הדלקה הנר מצ"ע איז עונג שבת, משא"כ דער אלטער רבי זאגט אז (מצ"ע איז דאס ניט קיין עניין פון עונג שבה, ס׳איז מערניט אז) דורך דעם קומט צו אין דעם עונג פון דער סעודה.

טו. עפ"ז דארף מען דאך פארשטיין וואס איז דער מקור פון דעם אלטן רבי׳ן אויף דעם וואס ער זאגט אז הדלקת הנר איז ניט משום כבוד ועונג שבה (נאר אז דורך דעם קומט צו תענוג אין דער סעודה). והביאור בזה:

דער מקור אויף דערויף איז שיטה רש"י והוס׳. וואס רש"י (שבת כה, ב ד"ה חובה) זאגט: "כבוד שבת הוא שאין סעודה חשובה אלא במקום אור". וואס דערפון זעט מען אז הדלקת הנר מצ"ע איז ניט משום כבוד שבת, נאר הדלקת הנר איז מוסיף אין כבוד (חשיבות) הסעודה.

- ועד"ז -

הנהה הת׳ בלתי מוגה

ועד"ז זאגט תוס׳ (שם ד"ה הדלקת) בנוגע צו עונג: "דחובה היא שיסעוד במקום הנר משום עונג". ד.ה. אז דער נר איז מוסיף אין עונג הסעודה, אבער הדלקת הנר מצ"ע איז ניט משום עונג שבת.

טז. אעפ"כ דארף מען נאך האבן א ביאור פארוואס פסק׳נט דער אלטער רבי אזוי ווי רש"י און תוס׳ און ניט אזוי ווי דער רמב"ם. והביאור בזה:

דער הכרח פון אלטן רבי׳ן צו פסק׳נען אזוי ווי רש"י ותוס׳ און ניט ווי דער רמב"ם - איז דאס דערפון וואס מ׳זאגט אז נר ביתו ונר חנוכה נר ביתו קודם משום שלום ביתו, שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו, ד.ה. אז דאס וואס נר שבת איז קודם לנר חנוכה, איז דאס נאר מצד גודל מעלה השלום;

איז אויב מ׳וועט זאגן אז הדלקת נר שבת איז אויך משום כבוד ועונג שבה, איז צוליב וואס דארף מען אנקומען צו דעם טעם אז גדול השלום וכו׳, בלאה"כ דארף אויך זיין נר שבת קודם, ווארום אין נר חנוכה איז דא נאר איין ענין - זכרון הנס, משא"כ אין נר שבת זיינען דא דריי ענינים: שלום ביתו, כבוד שבת, און עונג שבה?

איז וויבאלד אז מ׳מוז אנקומען צו דעם טעם אז גדול השלום וואס אפי׳ השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו (און דוקא מצד דעם טעם איז נר ביתו קודם לנר חנוכה) - איז דערפון מוכח אז לולא זאת וואלט מען ניט געקענט זאגן אז נר ביתו איז קודם, ווארום דער ענין פון הדלקה נר שבת איז נאר משום שלום ביתו, און ניט (אויך) מצד דעם ענין פון כבוד ועונג שבת (איז דאך דאס נאר איין זאך, ע"ד ווי אין חנוכה איז דא נאר איין זאך - זכרון הנס), וואס דערפאר דארף מען אנקומען צו גודל מעלה השלום, אז דוקא צוליב דערויף איז נר ביתו קודם.

און דערפאר וויל דער אלטער רבי ניט פסק׳נען אזוי ווי דער רמב"ם, נאר ער פסק׳נט אזוי ווי רש"י ותוס׳, אז אין נר שבת מצ"ע איז ניטא דער ענין פון כבוד ועונג שבת, נאר אז דורך דעם קומט צו אין כבוד ועונג פון דער סעודה.

יז. אבער אויף דעם רמב"ם איז דאס (וואס מ׳דארף אנקומען צו גודל מעלה השלום) קיין קושיא ניט, ווארום דער רמב"ם גייט לשיטתו אז אין נר חנוכה זיינען דא נאך ענינים אויסער דעם ענין פון זכרון הנס, ווי דער רמב"ם (פ"ד הי"ב) זאגט אז מצוה נר חנוכה איז "כדי להודיע הנס ולהוסיף בשבח הא-ל והודיה לו על הנסים שעשה לנו" (ניט נאר דער ענין פון זכרון הנס);

וואס דערפאר מוז מען אנקומען צו גודל מעלת השלום (אז דוקא דערפאר איז נר ביתו קודם לנר חנוכה), און לולא זאה וואלט מען ניט געקענט זאגן אז נר ביתו איז קודם לנר הנוכה - ווארום דאס וואס אין נר שבת זיינען דא נאך ענינים (אויסער דעם ענין פון שלום ביתו) - כבוד שבה און עונג שבה, איז דאך נר חנוכה אויך די זעלבע זאך, אז אויסער דעם ענין פון זכרון הנס, איז דא אויך דער ענין פון להוסיף בשבח הא-ל וכו׳ - איז דאך ניטא קיין מעלה אין נר שבה לגבי נר חנוכה - און דערפאר דארף מען טאקע אנקומען צו גודל מעלת השלום (אז דוקא דערפאר איז נר ביתו קודם לנר חנוכה).

און דאס וואס דער אלטער רבי נעמט ניט אן שיטת הרמב"ם אז אין חנוכה זיינען דא נאך ענינים אויסער זכרון הנס (וואס דעמולט וואלט ער דאך געקענט פסק׳נען אזוי ווי דער רמב"ם אז נר שבת איז משום כבוד ועונג שבת) - איז דאס דערפאר וואס דאס שטייט ניט אין אונזער ש"ס, ניט אין

- בבלי -

בבלי און ניט אין ירושלמי (און דער רמב"ם האט דאס מסתמא גענומען פון מדרשים - מדרש חנוכה וכו').

יח. דאס וואס ס'שטייט אין שו"ע אז נר שבה איז "משום שלום בית שלא יכשל בעץ או באבן" - איז לכאו' ניט פארשטאנדיק: דער ענין פון שלום בית איז דאך ניט נאר "שלא יכשל בעץ או באבן", נאר דאס איז כולל נאך ענינים, איז פארוואס זאגט ער נאר שלא יכשל בעץ או באבן?

איז דער ביאור בזה: דער ענין פון שלום בית איז טאקע כולל נאך זאכן אויסער דעם ענין פון שלא יכשל בעץ או באבן, ווי מ'זעט בפרשתנו (לז, יד) אז יעקב האט געשיקט יוסף'ן "ויאמר לו לך נא ראה את שלום אחיך ואת שלום הצאן", וואס דארטן איז דאך ניט שייך צו זאגן אז "שלום אחיך" באשטייט אין דעם שלא יכשל בעץ או באבן, ווארום דאס איז דאך געווען בי‏ום וואס דעמולט איז דאך ליכטיק, איז ניט שייך ס'זאל זיין יכשל בעץ או באבן,

נאר שלום אחיך איז כולל אז ער זאל זען צי זיי האבן אלע זאכן וואס זיי דארפן האבן, צי זיי האבן וואס צו עסן, און צי זיי זיינען ניט בצער וכו',

ועד"ז איז אויך בנוגע צו שלום בית, אז דאס מיינט ניט נאר שלילת הכשלון בעץ או באבן, נאר דאס מיינט אויך אנדערע זאכן - אז בני ביתו זאלן ניט האבן קיין צער וכו', ווי רש"י (שבה כג, ב ד"ה שלום ביתו) זאגט "שבני ביתו מצטערין לישב בחושך", זעט מען דאך אז דער עצם הענין אז ס'איז דא אור, איז דאס שוין דער ענין פון שלום בית (און ניט דוקא שלילת הכשלון בעץ או באבן), ביז צום פירוש פון שלום - מלשון שלימוה.

און דאס וואס אין שו"ע איז דער לשון "שלום בית שלא יכשל בעץ או באבן" - איז דאס דערפאר וואס דאס איז דער שווערסטער ענין (הכי גרוע) וואס מ'דארף דערמיט שולל זיין.

יט. אע"פ אז נר שבת מיט נר חנוכה זיינען צוויי באזונדערע ענינים: נר שבת איז צוליב דעם ענין פון שלום ביתו, און נר חנוכה איז צוליב דעם ענין פון זכרון הנס - אעפ"כ איז דא א התכללות צווישן זיי, וואס אין בידע ענינים איז דא סיי אן ענין חיובי און סיי אן ענין שלילי:

דער ענין פון נר חנוכה איז דאך צוליב זכרון הנס, וואס דאס איז אן ענין חיובי; איז אבער דא אין דערויף אויך אן ענין שלילי, ווארום דעמולט איז דאך געווען דער נצחון וואס מ'האט בנצח געווען די יונים (ווי עס ווערט דערציילט בארוכה אין "ועל הנסים"), וואס דער ענין הנצחון איז דאך פארבונדן מיט שולל זיין דעם ענין ההפכי - אן ענין שלילי. וואס דער נצחון המלחמה איז געווען בכ"ד כסלו, און בכ"ה בכסלו איז געווען דער ענין המנוחה פון די מלחמה, און דעמולט איז געווען דער נס.

ועד"ז איז אויך בנוגע צו שבת: דער ענין פון נר שבת איז דאך אויף צו שולל זיין דעם כשלון בעץ או באבן - אן ענין שלילי, עד"ז איז דאך דער ענין השבת צו שולל זיין די ל"ט מלאכות וואס אויף זיי איז דא א ל"ת (וואס דאס איז דאך דער ענין השבת - שביתה פון מלאכה) - אן ענין שלילי;

איז אבער דא אין דערויף אויך אן ענין חיובי, וואס דאס איז די מ"ע "וביום השביעי השבות" (משפטים כג, יב), וואס דאס איז דאך ניט קיין

- ענין -

הנחת הת' בלתי מוגה

ענין של העדר המלאכה וכו׳, נאר אן ענין חיובי - א מ״ע אויף דעם ענין המנוחה (צפע״נ כללי התורה והמצוות ערך שבת) (ע״ד ווי דער ענין החיובי שבחנוכה - זכרון הנס).

און עד כדי כך איז מודגש דער ענין החיובי שבשבת, ביז אז אע״פ אז דער ענין השלילה שבשבת איז מער בריבוי, ווארום ס׳זיינען דאך דא ל״ט מלאכות אסורות (וואס זיי איז מען שולל), אעפ״כ בשעת דער רמב״ם הויבט אן הל׳ שבת, הויבט ער ניט אן מיט די ל״ת וואס זיינען דא בשבת, נאר ער הויבט אן מיט די מ״ע: "שביתה בשביעי ממלאכה מצות עשה שנאמר וביום השביעי תשבות" - דער ענין החיובי שבשבת.

וואס אין דערויף זעט מען אויך דעם ענין פון נעוץ תחילתן בסופן אין רמב״ם, אז סיי אין התחלה סדר זמנים - הל׳ שבת, און סיי אין דער סיום פון סדר זמנים - הל׳ חנוכה, איז דא בײדע ענינים; סיי אן ענין חיובי, סיי אן ענין שלילי.

כ. וויבאלד אז נר חנוכה איז דאך פארבונדן מיטן זמן פון לע״ל, ווי ס׳שטייט אויף נרות חנוכה אז הנרות הללו אינן בטלים לעולם (רמב״ן ר״פ בהעלותך) - דערפאר וועלן זיין אויך לע״ל די בײדע ענינים - ענין חיובי וענין שלילי - אזוי ווי אין חנוכה:

פריער וועט זיין דער ענין פון ילחום מלחמת ה׳ וינצח (וואס א מלחמה איז דאך פארבונדן מיט שלילת המנגד) - אן ענין שלילי, און דערנאך וועט זיין דער ענין חיובי - יבנה ביהמ״ק (ע״ד ווי אין חנוכה איז דא דער ענין פון נצחון המלחמה, און דער ענין פון זכרון הנס).

און אין דעם ענין השלילי גופא וועלן זיין צוויי תקופות: פריער וועט זיין דער ענין פון לא ירעו ולא ישחיתו כפשוטו, שלילת המנגד - אתכפיא, און דערנאך וועט זיין אן ענין נעלה יותר, אז דער מנגד אליין וועט נהפך ווערן צו אן אוהב און א מסייע וידיד - דער ענין פון אתהפכא.

און ווי דער צ״צ (רשימות לתהלים) איז מבאר עה״פ "מזמור שיר ליום השבת" (תהלים צב, א) - ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים, אז אין דערויף זיינען דא צוויי ענינים: משבית מזיקין מן העולם, אז ער איז מבטל די מציאות פון דעם מזיק; דערנאך איז דא א העכערער ענין - משביתן שלא יזיקו, ד.ה. אז ס׳איז דא די מציאות פון דעם מזיק, ער ווערט אבער אויס מזיק, נאר ער ווערט נתהפך למסייע וידיד - "וגם אויביו ישלים אתו" (משלי טז, ז).

כא. ויה״ר אז פון דעם ענין פון חנוכה זאל ווערן דער ענין פון "וה׳ יגי׳ חשכי" (ש״ב כב, כט), אז נאך זייענדיק אין דעם חושך כפול ומכופל זאל ווערן דער "וה׳ יגי׳ חשכי", ביז אז ס׳וועט ווערן די התפשטות האור אויך מבחוץ, אין אן אופן אז כליא רגלא דתרמודאי, וואס תרמודאי איז דאך אותיות מורדת (קהלת יעקב ערך הרמוד), און תרמודאי זיינען געווען פון עבדי שלמה שמרדו בו (ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 811 הע׳ 3) - ווערט דער ענין פון כליא רגלא דתרמודאי.

ביז אז ס׳ווערט דער "ומלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים", וואס דערמיט איז דער רמב״ם מסיים הל׳ מלכים און גאנץ ספר יד החזקה, און ווי ער זאגט דארטן "ובאותו הזמן לא יהי׳ שם לא רעב ולא מלחמה, ולא קנאה ותחרות" - וואס דאס איז דאך אן ענין שלילי, נאר ס׳וועט זיין דער ענין החיובי "לדעת את ה׳ בלבד . שנאמר כי מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים", בגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *

# משיחת ש״פ מקץ תשל״ו

כב. בהמשך להמדובר אין דער פריערדיקער התוועדות (ש"פ וישב ס"ח ואילך) בנוגע צו דעם סיום פון רמב"ם אויף הל' חנוכה, וואס ער ברענגט דארטן "הי' לפניו נר ביתו ונר חנוכה, או נר ביתו וקידוש היום, נר ביתו קודם משום שלום ביתו", וואס דאס זיינען דאך דינים וואס האבן א שייכות אויך צו שבת, ואעפ"כ ברענגט דאס דער רמב"ם נאר אין הל' חנוכה, און ניט אין הל' שבת –

האט מען געפרעגט אויף דערויף, פארוואס זאגט דאס דער רמב"ם נאר אין הל' חנוכה, לכאו' האט ער דאס געדארפט זאגן אויך אין הל' שבת, ע"ד ווי דאס איז אין דעם שו"ע פון ב"י, אז דאס שטייט סיי אין הל' חנוכה, סיי אין הל' שבת?

והביאור בזה: מ'זעט דאך אין רמב"ם אז יעדן דין שרייבט ער נאר איין מאל. און בשעת מ'געפינט אין רמב"ם אז ער שרייבט איין ענין צוויי מאל, לערנט מען אפ דערפון הילוי הילין של הלכות, וואדוס דער רמב"ם האט געשריבן דעם יד החזקה בתכלית הדיוק;

איז וויבאלד אז דער רמב"ם קען דאס שרייבן נאר איין מאל, האט ער דאס געשריבן אין הל' חנוכה און ניט אין הל' שבת, ווארום בשעה דאס שטייט

– אין –

הנחת הת' בלתי מוגה

אין הל' חנוכה, איז בודגש ביותר גודל מעלת השלום (אז אפי' חנוכה אליין (ענינו הוא זכרון הנס, ולא הענין דשלום) זאגט אז נר ביתו קודם בצד גודל מעלת השלום), משא"כ ווען דאס וואלט געשטאנען אין הל' שבת, ווי געדעדט פריער (ע"פ וישב) בארוכה.

ובהמשך לזה (נר ביתו ונר חנוכה) קומט אויך דער דין פון "נר ביתו וקידוש היום", אע"פ אז דאס האט א שייכות נאר צו שבת, און ניט צו חנוכה - דערפאר וואס ביי ביידע איז דא דער זעלבער טעם - "משום שלום ביתו".

עד"ז איז אויך מובן בנוגע צום אלטן רבי'נס שו"ע, אז וויבאלד דער אלטער רבי האט געשריבן זיין שו"ע בסגנון הרמב"ם, דערפאר האט ער דאס ניט ארייגעשטעלט אין הל' שבת.

אבער בנוגע צום אלטן רבי'נס שו"ע, איז וויבאלד מיר האבן ניט דעם שו"ע פון אלטן רבי'ן אויף הל' חנוכה, קען מען ניט וויסן צי ער האט דאס געשריבן אין הל' חנוכה. אבער אפי' אויב ער האט דאס געשריבן אין הל' חנוכה, איז נאך אלץ ניט פארשטאנדיק פארוואס ער האט דאס ניט געשריבן אין הל' שבת - מצד חלוקת הדינים פון שו"ע, איז בשעת ס'רעדט זיך וועגן הל' שבת, האט ער געדארפט שרייבן אויך דעם דין:

ווארום אין דעם אלטן רבי'נס שו"ע איז דאך ניטא דער כלל אז ער שרייבט יעדן זאך מערנים ווי איין מאל, ווי מ'זעט דאך אז ס'איז דא זאכן וואס ער שרייבט אין שו"ע או"ח אין סימן קנ"ה און קנ"ו. און דערנאך חזר'ט ער דאס איבער אין הל' ת"ת, און אין הל' הונאה (מיט שינויים והוספות ממקום למקום) - האט ער דאך אויך געדארפט שרייבן דעם דין פון נר ביתו ונר חנוכה, און נר ביתו וקידוש היום, אין הל' שבת, אפי' אויב ער האט דאס שוין געשריבן אין הל' חנוכה?

כג. ובדרך אגב: איז דא נאך אן ענין בנוגע צום אלטן רבי'נס שו"ע וואס איז דורך ביאור - וואס דאס איז בנוגע צו דעם סגנון הלשון פון דעם אלטן רבי'נס שו"ע, אז דער סגנון הלשון פון סימן קנ"ה און קנ"ו, איז אנדערש פון סגנון הלשון פון גאנץ או"ח, עד"ז איז דער סגנון הלשון פון הל' ת"ת א באזונדער סגנון, און דער סגנון פון חלק ששי, איז אויך א באזונדער סגנון.

וואס בנוגע צו חלק ששי, קען מען זאגן אז דאס איז א באזונדער סגנון דערפאר וואס דאס זיינען הלכות מלוקטות: עד"ז בנוגע צו חלק יו"ד, שטייט אין הקדמת הרבנים בני הגאון המחבר אז "בחלק היו"ד שבו ההוראה או"ה שלפני הכורים יובאו פסקי ההלכה שינה טעמו ולשונו". ועד"ז בנוגע צו הל' ת"ת - וואס דאס איז דאך נדפס געווארן נאך בחייו.

אבער בנוגע צו די סימנים קנ"ה און קנ"ו פון חלק או"ח, איז נאך צריך עיון פארוואס איז דאס געשריבן געווארן אין א באזונדער סגנון.

- איך האב געטראכט אז דער כולל וואס געפינט זיך דא, וועט זיך פארנעמען מיט די ענינים, שרייבן וועגן דערויף וכו', אבער ביז איצטער האט מען דאס ניט געטאן, ועכ"פ זאלן זיי טאן אין דערויף מכאן ולהבא.

כד. אין דעם רמב"ם הנ"ל (סוף הל' חנוכה) געפינט מען נאך א דבר פלא: בכלל שרייבט דאך ניט דער רמב"ם קיין נייע דינים, וואס דערפאר געפינט מען אין רמב"ם דעם לשון "יראה לי", ווארום בשעה ער שרייבט א נייע זאך, זאגט ער "יראה לי", ווארום בכלל שרייבט ער ניט קיין נייע דינים (ועד"ז דער אלטער רבי בשלחנו, שרייבט ניט קיין נייע דינים, אפי' זאכן וואס זיינען געווען ברור ביי אים, ביז אז ער אליין האט זיך אזוי געפירט,

- און -

און ער האט דאס אפי' געשריבן בכק"א, אין סידור וכיו"ב - אעפ"כ האט ער דאס ניט ארייגעשטעלט אין שו"ע, ווייל אין שו"ע האט ער ניט געשריבן קיין נייע דינים).

עפ"ז דארף מען פארשטיין פארוואס שרייבט דער רמב"ם אין סוף הל' חנוכה דעם לשון "הרי שאין לו אלא פרוטה אחת ולפניו קידוש היום וכו'" - דער לשון אין טור (או"ח סתרע"ח) איז דאך "מי שאין ידו משגת לקנות נר חנוכה ונר של שבת וכו'", איז פארוואס שרייבט דער רמב"ם דעם לשון "הרי שאין לו אלא פרוטה אחת" - וואס איז נוגע צי ער האט פרוטה אחת אדער ער האט שתי פרוטות?!

איז דער ביאור בזה:

דער דין איז דאך אז נר ביתו קודם לנר חנוכה - פרעגט זיך די שאלה, ווי איז דער דין בשעת ער האט צוויי ליכט, צי ער זאל צינדן ביידע ליכט צוליב נר שבת, ווארום מ'דארף דאך אנצינדן צוויי ליכט, אחד כנגד זכור ואחד כנגד שמור (שו"ע אדה"ז או"ח סרס"ג ס"א); אדער ער זאל אנצינדן איין נר פאר שבת, און איין נר פאר חנוכה.

ד.ה. צי די מעלה פון נר שבת אויף נר חנוכה איז נאר בשעה אז ער האט מערניט ווי איין ליכט, דעמולט זאגט מען אז נר ביתו קודם; אדער אז אפי' בשעת ער האט צוויי ליכט, דארף ער אנצינדן ביידע ליכט פאר שבת, וויבאלד ס'איז א הידור אנצינדן צוויי ליכט, און אויך לגבי דעם הידור פון נר שבת זאגט מען אז נר ביתו קודם.

ועד"ז איז דא די שאלה בשעת ער האט מער פון צוויי ליכט, אבער ער פירט זיך אנצינדן מערער פון צוויי ליכט, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין שו"ע (שם) "ויש נוהגין להדליק לעולם ז' נרות, ויש נוהגים להדליק עשרה" - צי ער דארף מקיים זיין די מצוה פון הדלקה נר שבת בשלימותה. און דאס איז אויך קודם צו נר חנוכה; אדער אז ס'איז בעסער ער זאל אראפנעמען פון די שלימות והידור פון נר שבת, און אנצינדן נר חנוכה.

ובפרט בשעה ס'רעדט זיך ניט וועגן די ערשטע נאכט פון חנוכה (וואס דעמולט דארף מען אנצינדן נאר נר אחד), נאר וועגן די צווייטע נאכט, און מ'דארף אנצינדן ב' נרות חנוכה - ווערט די שאלה צי אנצינדן איין נר פאר שבת און איין נר פאר חנוכה, אדער אנצינדן ביידע נרות פאר שבת;

וויבאלד אז אויב ער וועט אנצינדן איין נר פאר שבת און איין נר פאר חנוכה, האט ער ניט מקיים געווען בהידור ניט נר שבת (וואס ס'דארף זיין ב' נרות), און ניט נר חנוכה (וואס בלילה הב' דארף ער אנצינדן ב' נרות) - איז א סברא צו זאגן אז ער זאל בעסער מקיים זיין איין מצוה בהידור, ווי דער מקיים זיין צוויי מצוות ניט בהידור (וויבאלד אז נר ביתו קודם).

עפ"ז וועט מען פארשטיין דעם דיוק לשון הרמב"ם "הרי שאין לו אלא פרוטה אחת" - ווארום דערפיט ווייל דער רמב"ם מדגיש זיין אז דאס וואס נר ביתו קודם, איז נאר בשעת ער האט מערניט ווי א נר אחד, אבער בשעת ער האט ב' נרות, דארף ער אנצינדן נר א' לשבת, ונר א' לחנוכה. והביאור בזה:

ווען דער רמב"ם וואלט געשריבן "מי שאין ידו משגת לקנות נר חנוכה ונר שבת", וואלט מען געקענט מיינען אז דאס מיינט בשעה ער האט ניט סיי צוויי נרות לשבת, און נוסף לזה אויך נר חנוכה, ד.ה. אז אויך ווען ער האט צוויי ליכט, זאגט מען אז נר ביתו קודם, לגבי דעם אז ער דארף אנצינדן צוויי ליכט לשבת, און ניט איין ליכט לשבת און איין ליכט לחנוכה (ווארום בשעה ס'שטייט "מי שאין ידו משגה לקנות נר חנוכה ונר שבת" -

שבה", קען דאס מיינען נר א׳. און דאס קען אויך מיינען ב׳ נרות - נר שבה לויט ווי ס׳דארף צו זיין):

און דערפאר איז דער רמב"ם מדייק און שרייבט "הרי שאין לו אלא פרוטה אחת" - וואס א פרוטה איז דאך די וויניקסטע כמות אין ממון, ווי דער דין איז אז אויף א פחות מכמות פרוטה איז ניטא דער גדר פון גזילה (ראה רמב"ם הל׳ גניבה בהתחלתו ובנו"כ), איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז מיט א "פרוטה אחת" קען מען קויפן מערניט ווי א נר אחד -

און דערמיט איז דער רמב"ם מרמז אז דוקא בשעה ער האט מערניט ווי א פרוטה אחת, וואס מיט דעם קען ער קויפן מערניט ווי א נר אחד - דעמולט זאגט מען אז נר ביתו קודם: אבער בשעה ער קען קויפן ב׳ נרות, דארף ער אנצינדן נר א׳ לשבה, ונר א׳ להנוכה.

און דער טעם בזה איז מובן בפשטות: די מעלה און די קדימה פון נר ביתו אויף נר חנוכה איז דאך מצד דעם ענין פון שלום ביתו, וואס שלום ביתו מיינט דאך "שלא יכשל בעץ או באבן" - איז אויף דערויף געניג נאר נר אחד, און דערפאר איז פארשטאנדיק אז בשעה ער האט ב׳ נרות, דארף ער אנצינדן נר אחד פאר הנוכה (חסר קצה).

כה. און דא זעט מען נאך א קשר צווישן ההחלת סדר זמנים (הל׳ שבת) מיטן סיום פון סדר זמנים (הל׳ הנוכה):

בנוגע צו שבה, איז דאך דא א ל"ה פון "לא העשה כל מלאכה", וואס אע"פ אז דאס איז נאר איין לאו, אעפ"כ, וויבאלד אז "הבעדה להלק יצאה" (שבה ע, א) איז דאס מרבה אז ס׳זיינען דא ל"ט לאווין; דערנאך איז דא די מ"ע פון "וביום השביעי השבות", וואס דאס איז מערניט ווי איין מצוה (ניט אזוי ווי אין די ל"ת, אז ס׳זיינען דא ל"ט לאווין).

איז בשעת דער רמב"ם הויבט אן הל׳ שבת, הויבט ער ניט אן מיט דעם ענין אז ס׳זיינען דא ל"ט לאווין וכו׳, נאר ער הויבט אן מיט די מ"ע: "שביהה בשביעי ממלאכה מצוה עשה שנאמר וביוה השביעי השבוה", ד.ה. אז ער הויבט ניט אן מיט דעם ריבוי וואס איז דא אין שבה - ל"ט לאווין, נאר ער הויבט אן מיט אן ענין אחד - די מ"ע פון "וביום השביעי השבוה".

ועד"ז אין הל׳ הנוכה - דער סיום פון סדר זמנים - איז ער מסיים מיט אן ענין פון "אחד" - אז ער האט א פרוטה אחה. וואס דערמיט קען ער קויפן מערניט ווי א נר אחד כנ"ל, וואס אין דערויף זעט מען נאך א קישור צווישן תחלת סדר זמנים וסיומו.